גוט שבת אלע אידן. אין די ערשטע פאר יאר נאכדעם וואס הרב כהנהמאן ז"ל האט געגרונדעט דעם פאנעוויצער ישיבה אין בני ברק, איז די ישיבה זייער שטארק געוואקסען, ב"ה. צובראכענע אידן זענען ארויסגעקומען פון די פלאמען פון דער צווייטער וועלט מלחמה, און זיי זענען ב"ה אריינגעטון געווארן אין דעם לערנען אין דער ישיבה. אין יענע יארן איז שמיני עצרת געווען א הויכע צייט אין די ישיבה. בחורים וואס האבן נעבאך פארלוירן אלעס אין דעם קריג האבן געקענט פארגעסן פאר אפאר שעה די שלעכטע זכרונות.

איינער פון די משתתפים אין די הקפות אין ישיבה אין שמיני עצרת איז געווען דער גדול הדור דער חזון איש, זי"ע. אפילו דער ח"א האט נישט געהאט קיין אפיציעלע שטעלע אין די ישיבה, האט ער ממלא געהאט א שייכות מיט דער ישיבה און מיט די בחורים וואס האבן כסדר זיך מייעץ געווען מיט אים.

אין די הייליגע נאכט פון שמיני עצרת האבן די בחורים ארומגעטאנצען און געקוקט אויף דעם ח"א צו זען וואו ער טאנצט מיט דער הייליגער תורה. נאכדעם האבן זיי געטאנצען צוזאמען מיט דעם צדיק. יעדעס יאר נאך די הקפות האבן די בחורים באגלייט זייער רבי אהיים, ווייל זיי האבן נישט געקענט זיך אפטיילן פון אים. דעמאלט אין די יארן נאך דער מלחמה איז דער ח"א געווען שוין אלט. די הקפות האבן מחזק געווען זיין נשמה אבער זיי האבן אפגעשוואכט זיין אלטען קערפער. דער צדיק איז געגאנגען שטאטליך אויפן גאס מיט א גרויסע גרופע בחורים. ער איז געגאנגען מיט געמאסטענע פיסטריט אויף די בני ברק'ע גאסן.

אויפ'ן וועג האט דער חזון איש באמערקט א מענטש גייענדיג אויפ'ן גאס וואס איז נישט געווען אנגעטון אזוי יום טוב'דיג. עס איז זייער קלאר געווען אז דער מענטש האט נישט באלאנגט דארט, ד"ה ער האט בכלל נישט אויסגעקוקט חרדיש. דער מענטש האט אויסגעקוקט זייער צובראכן.

אפילו דער ח"א איז געווען שטארק אויסגעמוטשעט, איז דער צדיק אריבערגעגאנגען צו יענעם און ער האט אים אנגעוואונשן א ווארעמען "גוט יום טוב." דער מענטש, וואס איז געווען א בחור, האט גלייך אנגעהויבן צו דערציילן זיין טרויעריגע מעשה.

"עטליכע יארן צוריק, האב איך מיך מגייר געווען. און יעצט, אין די נאכט וואס אידן דארפן זיך פרייען אזוי ווי ביי א חתונה, האב איך נישט געהאט וואו צו גיין! קוקט אויף מיך! איך קוק נישט אויס אזוי ווי יעדער איינער, און איך בין דא געזיצן די גאנצע נאכט, ווייל איך האב נישט געשפירט באקוועם צו גיין אין קיין שול." ווען דער מענטש האט געענדיגט רעדן, האט ער געהאנגען זיין קאפ אראפ פון שאנד.

דעמאלט האט דער ח"א געפרעגט דעם גר צדק אויב ער קען עפעס אידישע ניגונים. דער צובראכענער מענטש האט געזאגט צו דעם ח"א אז ער האט טאקע געלערנט אפאר ניגונים. דאן האט דער ח"א איש געבעטן אז דער גר זאל זינגען, "אויב דו וועסט זינגען... גיי איך טאנצען פאר דיך."

די פארזאמעלטע תלמידים זענען נתפעל געווארן. דער גרויסער צדיק וואס האט געהאלטן אין די זיביציגער יארן איז געווען אינגאנצן אויסגעמאטערט פון די הקפות. ער האט קוים געהאט גענוג כח צו אהיימגיין אליינס. און יעצט וועט ער טאנצן?!?

דער מענטש האט אנגעהויבן צו זינגען שטאטליך, אבער יעדער איינער האט געקענט הערן די ווערטער... "תורת השם תמימה... "

ער האט געזונגען און דער ח"א האט געטאנצען אין פראנט פון אים, אזוי ווי א חתן ביי א חתונה. אבער דער ח"א האט נישט סתם געטאנצט, ער האט זיך ארומגעטאנצט אזוי ווי א יונגער בחור, מיט כוחות פון זיין נשמה. אלעס נאר כדי צו ברענגען א שמייכל צו יענעם בחור'ס פנים. די צובראכענע נשמה וואס ביז דעמאלט איז געווען אליינס, האט יעצט געהאט איינער פון דער גרעסטער גדולים אין דעם דור טאנצן פאר אים.

אהין און צוריק האט דער ח"א געטאנצען און געטאנצען מיט א ברען, אזוי ווי ער האט געהאט צייט און כוחות צו פארברענגען מיט דעם צובראכענעם בחור די גאנצע נאכט. די תלמידים האבן אנגעקוקט צו זען ווי א מענטש איז געווארן א מלאך. דער ח"א האט נישט אויפגעהערט צו טאנצען ביז ער האט געזען אז דער גר איז געווארן פריילעך.

צווישן היימישע אידן טרעפט מען זיך נישט אזוי סאך גרים. אבער אמאל א גר קומט אויף א שבת אדער מען הערט פון א חתונה פון א גר. דעמאלט דארף מען מקיים זיין די מצוה פון דער הייליגער תורה "ואהבתם את הגר." ווי אזוי קען מען מקיים זיין די מצוה? ווען מען ווייסט אז איינער איז א גר מוז מען אים שטארק מקרב זיין וויפיל מען קען.

מיר וועלן קיינמאל נישט קענען פארשטיין די שווערע לעבן פון א גר. מען דארף געדענקען אז א גר האט נישט קיין משפחה. מיט דעם וואס ער איז געווארן א איד, איז ער געווארן איין טאג פא[illegible] ל"ע א מענטש זיין גאנצע משפחה! אפילו ער וויל ווערן א איד, איז עס לכאורה שווער פאר א גר צו פארלאזן זיין משפחה. וועגן דעם האט די תורה געהייסן צו מקרב זיין גרים.

דער ענין ווערט דערמאנט אין די פרשה אזוי ווי עס שטייט, "וגר לא תונה..." זאגט דער הייליגער רמב"ן, אז א גר האט נישט קיין קרובים וואס נעמען זיך אן פאר אים. וועגן דעם איז, ווען מען טשעפעט א גר, וועט דער אייבערשטער אליינס זיך אננעמען פאר אים! די מפרשים זאגן אז די איסור גייט ארויף אויף אלע צובראכענע מענטשן, אזוי ווי די תורה זאגט ווייטער, אז מען טאר נישט טשעפענען א יתום אדער אן אלמנה.

דורך זיין ווארעם צו גרים, יתומים און אלמנות, און צו אלע אידן וואס דארפן חיזוק, וועט דער אייבערשטער צוריקבאצאלן און גומל חסד זיין מיט אונז אלע. גוט שבת אלע אידן.

**מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת נשואי נכדו חיים מאיר הי"ו**

**בן חתנו הרה"צ רבי יעקב יוסף האגער שליט"א בשעטומ"צ**

מזל טוב למוה"ר זלמן גאלד הי"ו לרגל שמחת לידת נכדתו אצל חתנו מוה"ר מיכאל אהרן פראמאוויטש הי"ו

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י

לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - **נא לעיין דף זה לאחר התפילה**